STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00050

IDISHE UN SLAVISHE MOTIVEN

Mani Leib

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Philip J. & Carol A. Cohen
in memory of
Joseph & Esther Cohen and Hyman & Belle Rosen

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב ו י ל י נ אַ ט
אויסגאַבע: אינזעל
פאָדערבלעטער: ז. מאוד
הויפטפערקויף:
פערלאַג מ. נ. מייזעל
424 גרענד סט., ניו יאָרק.

מאַני לייב

אידישע און סלאַווישע מאָטיווען

אַרויסגעגעבען פון פערלאַג אינזעל

ניויאָרק 1918

Copyright by Inzel, 1918.

שטילע ליכט...

שטילע ליכט און שטילע אויגען,
ליפען פרומע, שטילע,
פאר די שטילע ליכט געבויגען
שעפטשעט זיך א תפלה,
שטילע תפלה'דיגע ווערטער,
קוים די ליכט נאר הערען:
— גאט, איז ער ניט מיין באשערטער —
ועסט מיר איהם באשערען,
איך וועל פאר איהם קינדער האבען
כשר'ע און פיינע,
מיינע קינדער וועלען האבען
אויגען שווארץ, ווי זיינע.
ער וועט זיצען, לערנען תורה
שם'ען וועט זיין נאמען.
ועסט באשערען, גוטער בורא? —
ועסט באשערען — אמן.

אוי, מיידעל, מיידעל,
טרוי ניט דעם אינגעל,
נעהם ניט זיין גאָלדענעם
טהייערען רינגעל.

פאַלש איז דאָס אינגעל,
וועט דיך פארגעסען,
וועט זיך דאָס גאָלדענע
רינגעל פארלעשען.

וועט זיך פארלעשען,
שווארץ וועט עס ווערען,
פון דיינע זודיגע
מייד־עלשע טרעהרען.

אוי, כלה'ניו לעבען
א זון און א רעגען א גאלדענער שפריצט,
ביים אפענעם פענסטער די כלה'ניו זיצט:
געפוצט ניט אין זיידענס, אין גאלד ניט געקרוינט.
זי קוקט אויפ'ן רעגען, זי זיצט און זי וויינט.

— אוי כלה'ניו לעבען, וואס וויינסטו אזוי?
— ווי זאל איך ניט וויינען, דאס הארץ טהוט מיר וועה:
אוועק איז מיין חתן, אוועק איז מיין גליק,
געזאלט האט ער קומען און קומט ניט צוריק.

— אוי כלה'ניו לעבען, אומזיסט איז דיין שרעק, —
אן קומט דאך דיין חתן, דארט שטויבט זיך דער וועג...
— דארט איז ניט מיין חתן, דאס קומט ניט מיין פרייד,
דארט שטויבט זיך דער וועג, ווייל די טשערעדע געהט.

— אוי כלה'ניו לעבען, דו זעהסט ניט אליין,
אז דארט אויפ'ן בערגעל דיין חתן טוט געהן...
— דאס איז ניט מיין חתן, דאס איז ניט מיין פרייד,
דאס דארט אויפ'ן בערגעל א ביימעלע שטעהט...

— אוי כלה'ניו לעבען, ווי זעהסט דאס ניט גלייך,
דארט קומט דאך דיין חתן פון יענער זייט טייך
און גאלד און בריליאנטען פון זיבען קאליער,
דארט טראגט ער די כלה מתנות פאר דיר...

— ניט גאלד און בריליאנטען פון זיבען קאליער,
ניט כלה מתנות דאס טראגט צו מיר;
אויף יענער זייט טייך, אין דער ווייט און דער ברייט,
האט דער רעגענבויגען זיך ליכטיג פארשפרייט...

א זון און דער אווענד... א טהויעלע שפריצט,
ביים אפענעם פענסטער די כלה'ניו זיצט;
געפוצט ניט אין זיידענס, אין גאלד ניט געקרוינט,
זיווארט אויף איהר חתן, זי זיצט און זי וויינט...

טראָג זיך, טראָגט זיך, פּאווע,
איבער ווייטע ימ'ען,
ברייננ פון מיר גערימען
צו מיין ליעבער מאַמען.

ברייננ ניט צו מיין מאַמען
פון מיר קיין גערימען,
בעסער פון מיין מזל
זאָל זי גאָר ניט וויסען.

וועט מיין מאמע וויסען,
וואָס מיר האָט געטראָפען, —
וועט זי אין גרוים וועהטאָג
גאַנצע נעכט ניט שלאָפען.

גאנצע טעג ניט שלאפען,
גאנצע טעג ניט עסען,
און איהר גרויסען ווערהטאנג
מיט די טרערען לעשען.

וועלען טרערען לעשען
נאר איהר ליעבען פנים:
וועלען פון איהר לאכען
איהרע בייזע שונאים.

כ׳זיץ ביים פענסטער זיך
קוק אין נאס ארויס,
ווי דער ווייסער שניי
שפרייט זיך ליכטיג אויס,
ווי עס טראָגען זיך
שליטענס, הער און הין:
גלעקלאך, גלעקעלאך
זינגען: דין דין דין.
מענשען קומען און
געהען דורך פערביי,
געהען דורך פארביי
אזוי פריש און פריי...
און די וועגען ווייט
ליגען אויסגעשפרייט,
ליגען אויסגעשפרייט.

ליגען אויסגעשנייט. —
און מיין עלענד האט
מיך ארייגעגנארט
אין די ענגע ווענט:
אין די ענגע ווענט
מיך אריינגעשפארט.

שנייעלע ווייסער וועט שיטען און שיטען...
שפאן בעל־הגלה דיין פערדעל אין שליטען!

איך וועל דיר געלט און אויף בראנפען נאך געבען.
היינטיגע נאכט וויל איך פרעהליכער לעבען!

איך וועל די רימענע לייצעס א נעם טהון
און מיט'ן שליטען דעם שניי אזא קעם טהון

אזש ווי א שד זאל דאס פערדעל א ציה טהון.
גלעקעלאך גלין, דין... מיר וועלען א פליה טהון:

גלעקעלאך, פערדעל, וויא... ווילדער און גיכער,
מיר וועלען פליהען ווי שדים אין וויכער:

פונקען און שניי שטויב אין פנים זאל שלאגען,
וואו בלייבען שטעהן, וועט מיין הארץ אונז שוין זאגען.

טפרו־ו! כ׳וועל פון שליטען א פרעהליכער שפרינגען,
און אויפ׳ן גאניק אין גלעקעלע קלינגען

וועט מיין געטרייע מיר לויפען אנטקעגען
וועט זי מיר גארנישט ניט זאגען און פרעגען,

נאר זי וועט שעפטשען: מיין ליעבער, מיין גוטער!
וועל איך איהר איינקוטען גוט אין מיין פוטער

און אויף די הענט מיינע טראגען אין שליטען.
שנייעלע וייסער וועט שיטען און שיטען.

וועל איך די רימענע לייצעס א נעם טהון
און מיט׳ן שליטען דעם שניי אזא קעם טהון,

אזש ווי א שד וועט דאס פערדעל א ציה טוהן.
גלעקעלאך גלין דין, מיר וועלען א פליה טהון!

גליקעלאך, פערדעל, וויאַ, ווילדער און גיכער,
מיר וועלען פליהען ווי שדים אין וויכער:

פונקען און שניי־שטויב אין פנים זאָל שלאָגען,
וואו בלייבען שטעהן — וועט מיין מיידעלע זאָגען.

שרייב איך דיר א בריוועלע
אין דעם ווייטען לאנד,
שרייב איך דיר א בריוועלע,
ציטערט מיר מיין האנד,

שווארצענקע ווערטערלאך,
ווייסינקער פאפיער,
און די טרערהרען פינסטערע
גים איך אהן א שיער.

קלעפ איך צו דאס בריוועלע,
שיק איך עם אוועק ;
שווים זיך, שווים זיך, בריוועלע,
אין דעם ווייטען וועג.

וואַרט איך אויף דיין בריוועלע
איז מיר זעהר שלעכט,
עס איך ניט און טרינק איך ניט,
שלאָף איך ניט קיין נעכט.

נעהמען זיך גאָר ניט די הענט
עפּעס וואָס צו טאָהן,
רק איך וואַרט ביים טויער'ל
אויפ'ן פּאָסטאַליאָן.

ברענגט ער מיר אַ בריוועלע
פון דעם וויַיטען לאַנד,
עפען איך דאָס בריוועלע
ציטערט מיר מיין האַנד.

שוואַרצינקע ווערטערלאַך,
וויַיסינקער פּאַפּיער,
און די טרעהרען פינסטערע
גיס איך אָהן אַ שיער.

א פויגעל איז געפלויגען,
פארפלויגען געוואָרען,
און האָט פאר מיין פענסטער
א פעדער פארלאָרען.

פליה, פליה, פויגעל,
פליה, פליה, פליה.
אהן מיין פריינד מיין איינציגען
מוז איך בלייבען היע.

אזוי ווי דער פויגעל
מיין פריינד איז פארפלויגען,
און האָט מיר געלאָזען
א טרעהר אין די אויגען.

טריף, טריף, טרעהר מיינע.
טריף, טריף, טריף.
אז געדענקען זאָל מיין פריינד
ווי מיין צער איז טיעף.

אוי, נעהם איך דעם פעדער
א בריוועל צו שרייבען.
מיין פריינד אין דערוויטען
געטריי זאָל מיר בלייבען.

געה, געה, בריוועלע
געה, געה, געה.
זאָל מיין פריינד פארקלערן זיך
אויף מיין וויגד און וועה.

דער סוחר׳ן פון פערעל

פליהען די פערדלאך אין שליטען געשפאנט,
קנאקט ביי דעם סוחר די בייטש אין דער האנד,
פרעהליכע קלינגען די גלעקלאך.

— מיידעל, געה עפען דעם טויער מיר אויף!
לאז מיך פערפאהרען צו אייך אויפ׳ן הויף,
איך בין א סוחר פון פערעל.

— סוחר׳ל יונגער, דו קומסט פון דער ווייט,
און ביזט פארפאהרען צו ארימע לייט
מיט דיינע פערעל צו האנדלען.

— מיידעל, דאס בין איך פארפאהרען צו אייך
ווייל דיינע עלטערען זיינען דאך רייך,
מיט אזא פערעל — א טאכטער.

— סוחר'ל קלוגער, דו קומסט פון דער וועלט,
אבער דו וועסט מיך ניט קויפען פאר געלט
ביי מיינע טאטען און מאמען.

— מיידעל, געה עפען דעם טויער מיר אויף,
לאז מיך פערפאהרען צו אייך אויפ'ן הויף,
מיט דיינע עלטערען ריידען!

— סוחר'ל גוטער, ניט רייד צו מיר מעהר,
טרייב ניט אומזיסט דיינע פערדלאך אהער,
איך בין א צווייטענס א כלה...

שפאנען די פערדלאך אין שליטען געשפאנט,
היינגט ביי דעם סוחר די בייטש אין דער האנט,
אומעטיג קלינגען די גלעקלאך...

— אוי, מאמעניו טייערע, מאמעניו ליוב,
דעם יונגינקען שניידער'ל טרייב ניט פון שטוב,

דער יונגינקער שניידער'ל, שעהן איז ווי א גאָלד,
דעם יונגינקען שניידער'ל האָב איך דאָך האָלד.

— אוי, טאָכטער'ל, טאָכטער'ל, ווען מיינע יאָהר!
צי דען מיט'ן שניידער'ל ביזטו א פּאָאר? —

דער טאַטע וועט ברענגען פאר דיר פון דער וועלט
א טייערען חתן מיט יחוס און געלט.

— איך דארף ניט זיין יחוס, איך דארף ניט זיין געלט,
איך וויל ניט פערשפּילען מיין יונגינקע וועלט.

דער יונגינקער שניידער׳ל שעהן איז ווי גאלד,
דעם יונגינקען שניידער׳ל האב איך גאר האלד.

־אם מיידעלע עסט ניט, און שלאפט ניט ביי נאכט.
דער שניידער׳ל בלאנדזשעטביים פענסטער פערשמאכט.

און טאטעניו־מאמעניו האבען בעטראכט.
און תנאים געשריבען א שבת־צו־נאכט.

און שבת נחמו איז די חופה געוועז.
מען האט אזא חתונה נאך ניט געזעהן. —

אזוי ווי די זון האט דאס פאריל געשיינט.
עס האבען געטאנצט מחותנים און פריינד.

געגעסען, געטרונקען פון טייערסטען סארט,
זיי האט אזש געדונען אריבער׳ן בארד.

און ס׳האבען ביז איבער דער זיבעטער גאס
די פידלען געוויינט. און געריפעט דער באס.

א חתונה

קלינגען די פידעלאך,
פֿאַרעלאך טאַנצען;
אייגעלאך כשר'ה
שיינען און גלאַנצען,

קעפּעלאך דרעהען זיך,
הערצעלאך זינגען,
גלייך ווי די פידעלאך
זינגען און קלינגען,

פרעהליכער, פרעהליכער,
אידישע קינדער! —
פֿאַרעלאך, מיידעלאך,
דרעהט זיך געשווינדער!

זאל אייך דער אויבערשטער
תמיד צו געבען
שמחות אין אייערען
גאנצענעם לעבען,

און אז דער אויבערשטער
וועט נים פערגעסען,
א אידיש טאכטעריל
ווערט נים פארזעסען.

זי האַלט אין די הענטלאַך אַן אָפענעם בוך,
דאָס קעפעל פּאַרטרויערט אויף הינטען גענייגט,
די זון לעשט זיך אויס פאַר'ן פענסטער, און לייגט
אַ רויטליכען שיין אויפ'ן אָפענעם בוך:

— די עלטערע שוועסטער איז ערגעץ אַוועק,
אַוועק, און מען ווייס ניט פאַר וואָס און פאַר ווען,
ווי שטענדיג אין הויז יענעם אָוונד געווען,
ביי נאַכט אָבער איז זי אויף אייביג אַוועק.

דערנאָך האָט די מאַמע געבראָכען די הענט,
פאַרדעקט מיט אַ טיכעל דעם אַלטען געזיכט,
געקלעפּט אין די לייכטער געצונדענע ליכט,
אַחוץ טרערען געוויינט, און געבראָכען די הענט.

אין הויז זיינען אַלע פּאַרטרויערט געווען,
אין הויז האָבען אַלע דער מאַמען געהיט —
און שטילער געווען זיינען אַלעמענס טריט,
און אַלעמענס רייד זיינען שטילער געווען.

דאָס בוך פאַלט אַרויס פון די הענטלאַך. זי וויינט.
עס צוקען די קינדערשע ליפּלאַך פון שרעק.
— איך וועל ווי מיין עלטערע שוועסטער אַוועק
ווען איך וועל נאָר ווערען אַ גרויסע... און וויינט.

אין בעטעל איז דאָס קראַנקע קינד געלעגן,
דער דאָקטאָר אין שפּאַקולען, און מיט ווייכע טריט,
האָט אומרוהיג ביים בעטעל אימיצען געהיט.
אין פענסטער האָט געוויינט דער רעגן.

דער דאָקטאָר האָט באַהאַלטען די שפּאַקולען,
און איז פון הויז אַרויס, מיט ווייכע טריט, פאַרטראַכט,
און שטיל, און האָט אונז ניט געזאָגט קיין גוטע נאַכט.
ביים פענסטער האָט אַ הונט געבולען.

דאָס קינד האָט געגוסס׳עט, אַ ליכט האָט געברענט —
די מאַמע האָט ביטער געבראָכן די הענט.

דער ווינט האָט אין פענסטער אַ קאַלטער געוועהט —
אין פענסטער געוועהט האָט דער אייביגער טויט.

אַ איד איז געקומען פאַרמאַטערט פון ווינד,
און ערגעץ אַוועק אין דער נאַכט מיט דעם קינד.

די מאַמע אַליין האָט געוויינט אין דער שטיל,
געבוויגענערהייט זיך געזעצט אויפ׳ן דיל.

געזעסען, געוויינט, און געבראָכען די הענט —
דער ווינט האָט געוועהט, און אַ ליכט האָט געברענט.

דער מאָרגען קומט צו אונז, א כמורנער און א בלינדער,
די מאַמע ליעגט אין בעט א בלייכע, ווי דער טויט.
שלאָפט רוהיג, מיינע קליינע הונגעריגע קינדער,
איך וועל אין גאס איצט געהן פאר אייך צו קריגען ברויט—
א שטיקעל טרוקען ברויט...

און אז איך וועל אין גאס דעם גאנצען טאָג זיך זאַמען,
ווי קליינע הינטלעך וועט איהר וואַיען ווילד נאָך מיר,
און שטיקער וועט איהר רייסען פון דער קראַנקער מאַמען,
און זשעדנע שמעקען וועט איהר יעדען שאָרך ביים טיר,
די טריט מיינע ביים טיר.

און אז איך װעל פֿאַרנאַכט צו אײך אַ מידער קומען,
און אז אַהן האַפֿענונג און קאַלט װעט זײַן מײַן בליק —
פֿון שרעק פֿערקראַכען אין די װינקלען װעט איהר שטומען.
און גלעטען װעט מײַן האַנט אין קעשענע אַ שטריק —
כאַ־כאַ, אַ שטאַרקע שטריק!

און אז איך װעל בײַנאַכט זיך אױפ׳ן בױדעם הענגען —
װײנט שטילער, קינדער מײַנע, נאָך אַ שטיקעל ברױט!
און אז די נאַכט װעט האַרטען קראַנקען שלאָף אײַך ברענגען,
װעט װײנען איבער אײַך די מאַמע — װי דער טױט —
אַ בלײַכע װי דער טױט...

דער גנב

די קינדער האָבן בייז געבעטען עסן.
אין הויז קיין שטיקעל ברויט איז ניט געווען.
און ער איז פאַר דעם הוילן טיש געזעסן.
און האָט דאָס אַלץ געהערט און אַלץ געזען.

נאָר פּלוצלונג האָט ער עפּעס וואָס פערשטאַנען.
און שאַרף אויף אַלץ אַ קוק געטאָן אין הויז.
און אויפגעשטאַנען. און ביים טהיר געשטאַנען.
געשטאַנען און געטראַכט. און איז אַרויס.

די קינדער זיינען הונגעריג געלעגן.
געשלאָפען. קליינע. האָבן ניט געהערט
דאָס קלאַפּען אין די שויבען פון דעם רעגען.
און ניט ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט.

די קליידער נאַס, די אויגען אויסגעלאָשען,
און בלוי און נאַס פון רעגען דאָס געזיכט,
האָט ער די טהיר געעפענט און פערשלאָסען,
און אָנגעצונדען שטיקלאַך ווייסע ליכט.

און עסען איינגעוויקעלט אין פאַפּיערען
האָט ער עס אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט.
איז צו די קינדער צו. געשראָקען זיך באריהרען..
און לאַנג געשטאַנען איבער זיי גענייגט.

דערנאָך, ביים טיש, א מידער און געבויגען
האָט ער זיך פאר די ווייסע ליכט געשטעלט,
און האָט בעטראַכט מיט קאַלטע, מידע אויגען
א קליינעם דאַמען־פּאַרטמאַנע מיט געלט.

דיווינטער נויט

נאך שלאפט די גרויע גאס אין קעלט און שניי געשמידט...
דער ווינד — א היימלאזער — איהם איינעם שלאפט זיך ניט,
און ווי די גאנצע נאכט טרייבט ער אין גאס זיך אום
און וועהט מיט שניי און שטויב און וואיעט בייז און שטום...

און אין די מויערען די מענשען ווערען וואך,
און קליינע פייערלעך אין פענסטער פינקלען שוואך,
און אויף די מויערען צוציהט זיך ווי א שטריק
א לאנגער הייזעריגער פייף פון א פאבריק.

ווער איז דאס יענע ערשטע אין דעם נייעם טאג,
וואס איז געבליעבען שטעהן א ווײלע אויפ'ן ראג,
און קוקט זיך אום ארום, מיט אויגען — סם און האס,
און לאזט אוועק זיך שפאנען אין דער לענג פון גאס?

דאָס איז די אַלטע, קאַלטע, גרויע ווינטער־נויט,
זי כאַפּט זיך אויף די ערשטע שעלטענדיגערהייט,
זי קומט אין גאַס די ערשטע, שעלט אַזוי און שפּאַנט,
און טראָגט אַן עמער קויהלען אין איהר דאַרע האַנט.

דוד קאזאנסקי'ן —
מאני ליוב.

מיין שוועסטערל

פלאַנצט מיין שוועסטערל אַ גאַרטען,
האַי, האַי, האַי, האַי,
בליהען שעהנע בלומען דאָרטען,
האַי, האַי,
אז ווען מיר וועט ביטער ווערען
אין מיין לעבען אין מיין שווערען
האַי, האַי, האַי, האַי,
זאָל איך אין דעם גאַרטען קומען
רוהען ביי די שעהנע בלומען,
האַי!

גראַבט מיין שוועסטערל אַ ברונען,
האַי, האַי, האַי, האַי,

שיינט דאָס וואַסער ווי די זונען,
האַי, האַי,
אַז ווען מיר וועט ביטער ווערען
אין מיין לעבען אין מיין שווערען
האַי, האַי, האַי, האַי,
זאָל איך פאַר דעם ברונען זינקען,
און דאָס פרישע וואַסער טרינקען,
האַי!

נייט מיין שוועסטערל אַ קישען,
האַי, האַי, האַי, האַי,
פוך פון ווייסע גענז געריסען,
האַי, האַי,
אַז ווען מיר וועט ביטער ווערען
אין מיין לעבען אין מיין שווערען
האַי, האַי, האַי, האַי,
זאָל איך אויפ'ן קישען ליגען
ביז דער טויט וועט מיך פאַרוויגען,
האַי!

שוועסטערעל מיינע...

— שוועסטערעל מיינע, וואו ביזטו געווען?
— דאָרט וואו די גרינגלעקלאך בליהען...
— אויף מיינע פעלדער? — וואָס האָסטו געזעהן?
— לופטיגע פייגעלאך פליהען...

— לופטיגע פייגעלאך פליהען... וואוהין?
— ערגעץ אין ווייטערע ערטער,
ברודערעל מיינער, און מיך ציהן אהין,
דאָרט וואו עס וואוינט מיין באשערטער...

— קריך אראפ פון אויוועז,
מאמע, קום מיט מיר.
זעה, דער אלטער טאפאל
בליהט פאר אונזער טהיר.

און די פעלדער ברייטע
ליגעז אויסגעשפרייט
פול מיט נייע בלומעז
בלוי, און געל און רויט.

— טאכטער מיינע, טאכטער,
פרעה זיך ניט אזוי :
אויף די אלע פעלדער
זעה איך ווייסעז שניי.

און דער אלטער טאפאל
דארט פאר אונזער טהיר, —
ביזט פארליעבט — וויל בלומעז
חלום׳עז זיך דיר...

נאָכ'ן אוקראַאינישען

ניט דער דאַנוי קרעכצט אין זיינע ברעגען,
ניט די ווינטען וויינען אויף די וועגען,
נאָר א מיידעל שרייבט אין טרערען
מיט א ציטעריגער האנט,
שרייבט אַ בריוועל צום געליעבטען
אין דעם ווייטען, אין דעם פרעמדען לאַנד.

— אוי, דער מזל האָט דיך ווייט פערטריבען
און פערלאָזען בין איך דאָ פערבליבען,
ווי אין אַ וואלד אַ קראַנקער פויגעל
רוף איך, וויין איך נאַכאַנאַנד;
קום צוריק, געליעבטער מיינער
פון דעם ווייטען פון דעם פרעמדען לאַנד.

— אוי, איך הער, געליעבטע, דיינע טרערען,
אבער ווי זאל איך צוריק זיך קעהרען,
אז די וועלדער זיינען פינסטער,
אז די טייכטען זיינען ברייט,
אז די פעלדער דורך די לענדער
ליגען אזוי ווייט און גרוים צושפרייט!

— טראג זיך, ווי דער שפארבער דורך די וועלדער,
ווי דער פוקס א פלינקער דורך די פעלדער,
ווי די מעווע אויף די טייכען,
ווי דער ווינטעל פאר מיין שויב:
פאל ארונטער אויף מיין הארצען
ווי א שעהנע, ווי א ריינע טויב.

— אוי, איך בין שוין זיבען טעג געפלויגען,
אין דיין שטוב בין איך אריינגעפלויגען,
און דו לויפסט מיר נישט אנטקעגען
זעהען ווי איך בין שוין דא. —

אוי, א פנים מיין געליעבטע
איז שוין אויף דער ווייסער וועלט ניטא!

—קום, געליעבטער, צו דעם בוים, דעם אלטען,
וואו דו האסט מיך אויף די הענט געהאלטען,
דארטען ליג איך יונג בעגראבען, —
אויף מיין גרוב א גרעזעל גרינט,
און פון דיר געליעבטער מיינער,
רייד איך טאג און נאכט צום פרייען ווינט...

געה איך ניט אויף קאָרטען װארפען,
קוק ניט אויף די שטערען:
װעלכען מזל אין מיין ליעבע
װעט מיר גאָט באשערען.

אויגען האָב איך פלאָם און פייער
פון מיין שעהנער מאמען. —
היט זיך בחור! מיינע אויגען
װעלען דיך פארפלאמען.

צעפ אויך האָב איך פון מיין מאמען
װי די שװארצע שלאנגען, —
װעל איך מיט די צעפ דיך בחר
האלטען װי מיט צװאנגען.

וועסט ניט דרעהען זיך אין אַוועגד
ביי די פרעמדע פּלויטען,
וועסט ניט געהן קיין אנדער מיידעל
צו איהר הויז בעגלייטען.

ניט אומזיסט האָב איך גענומען
אונזער גערטעל פּלאַנצען;
ניט אומזיסט צו דיינע שוועסטער
קום איך זונטאָג טאַנצען.

ניט אומזיסט האָב איך געבעטען
דו זאָלסט צו אונז קומען;
ניט אומזיסט האָב איך דיך בחר
אַזוי ליעב באַקומען.

ניט אומזיסט פארנאַכט אין הימעל
געהען אויף די שטערען,
אַז זיי זאָלען באַלד ביים אויפגעהן
אויסגעלאָשען ווערען.

ביים טייך

אויף יענעם זייט טייך איז די זון שוין פארגאנגען,
אויף יענעם טייך איז א מיידעל געגאנגען,
מיט בענקשאפט אין הארצען און טרעהרען אין בליק,
צו זוכען איהר מיידעלשען גליק.

און בלימעלאך בלויענקע זיבען מאל זיבען
האט זיי ביי דעם שיין פון לבנה געקליבען,
און האט מיט'ן שטראם זיי געלאזען אין טייך:
— שווימט גלייך, מיינע בלימעלאך, גלייך!

שווימט גלייך, ווייט אהין, וואו די וואסערלאך רינען,
מסתמא מיין גליק וועט איהר דארטען געפינען,
און אז איהר וועט דארטען געפינען מיין גליק —
שווימט, בלימעלאך, גיכער צוריק!

די נאַכט האָט דעם טייך מיט א נעבעל פערצויגען.
ביים טייך איז דאָס מיידעל געשטאַנען געבויגען
און האָט אין די וואסערלאַך לאַנג, לאַנג געקוקט,
און שווער מיט די אַקסלען געצוקט...

די וואסערלאַך זיינען געראונען, געראונען...
די בלימעלאַך האָבען דאָרט גאַרנישט געפונען,
קיין בלימעלע איז ניט געקומען צוריק.
וויין, מיידעל, דו האָסט ניט קיין גליק!

ס'אָרע פינסטערע איז די נאַכט אַרום!
און נאָך פינסטערער אויפ'ן האַרץ איז מיר.
אַז איך זאָרג און וויין הערט מיך קיינער ניט,
ניט קיין מאַמעס האַנט, וואָס זאָל פעסטשען מיך,
ניט קיין שוועסטער'ס וואָרט וואָס זאָל טרייסטען מיך.
אײנגעם האָב איך גאָר, איז ער ווייט פון מיר,
ביז ער קומט צו געהן, קומט די האַלבע נאַכט;
ביז ער קומט צו געהן, קרעהט דער דריטער האָהן,
ביז ער גיט אַ קוש, קומט דער טאָג שוין אָן,
קומט דער טאָג שוין אָן, מוז ער געהן אַהיים.

פאר'ן פענסטער רוישט א ווערבע
מיט די גרינע צווייגען.
זאָל איך וויסען, זאָל איך טראַכטען
אַז דו ועסט מיר לייגען!

דו האָסט דאָך מיר שטארק געשוואָרען,
אַז דו וועסט מיך נעהמען,
פאר די שעהנע אויגען מיינע
און פאר מיינע ברעמען.

דו האָסט צוגעזאָגט: די ווערבע
וועסטו לאָזען זעגען,
און א קליינטשיג שטיבעל בויען,
נאָר פון אונזערט וועגען,

און מיר וועלען ווי די טויבען
שטענדיג זיין אין איינעם,
זיין א טרייסט פאר טאטע מאמע
און א פרייד פאר שכנים,

ביזטו צו מיר פאלש געווארען, —
זאל דיר גאט ניט שטראפען —
צו א צווייטער, צו א רייכער
ביזטו גאר אנטלאפען.

זארגען איצטער טאטע מאמע
און די שכנים לאכען.
כיי וואלסטו די ווערבע זעגען
און א טרונע מאכען.

און מיך לייגען אין דער טרונע,
און מיין קבר גראבען. —
זאלען ווייגען נאך מיין מזל
אין די נעכט די ראבען.

ווייל די אויגען מיינע זיינען
מיאוס'ע געווארען,
און די שעהנקייט פון די ברעמען
האב איך אנגעווארען.

און די ווערבע פאר'ן פענסטער
האט גענומען דארען.
זאל איך וויסען, זאל איך טראכטען
אז דו ועסט מיך נארען!

געטריישאפט.

מען זאגט אז מיידלאך זיינען פאלש,
זיי גלויבען טאר מען ניט,
צי דאס איז אמת וואס מען זאגט —
דערצעהלט פון דעם דאס ליעד.

א מיידעל הערט אין מיטען נאכט
מען קלאפט צו איהר אין טהיר:
— געליעבטע, עפען גיכער אויף,
מען יאגט זיך נאדנאך מיר.

און איהר געליעבטער קומט אריין
און אטעמט טיעף און שווער:
— געליעבטע מיינע, זיי געזונד,
וועסט מיך ניט זעהן שוין מעהר.

— וואָס איז מיט דיר, געליעבטער מיין?
וואָס איז מיט דיר געשעהן?
ווי בלייך דו ביזט, איך האָב אזוי
דיך קיינמאָל נים געזעהן!

די אויגען זיינע פלאַמען אויף
און ווערען קאַלט און מאַט,
און שטילערהייט, פערטרויטערהייט
דערצעהלט איהר פון זיין טהאַט.

— דער פריץ האָט ביי אונז גערויבט
די פרייהייט און דאָס ברויט,
האָט איהם מיין מעסער היינט ביינאַכט
א שכור'ן געטוידט.

— געליעבטער מיין, געליעבטער מיין,
וואָס זאָל מען איצטער טהאָן?
— כ'וועל לויפען אין א ווייטען לאַנד
ביז וואַן' דער טאָג קומט אָן.

— געליעבטער מיין, געליעבטער מיין,
איך לאז דיך ניט אליין! —
איך וועל מיט דיר אין ווייטען לאנד
מיט דיר צוזאמען געהן...

— געליעבטע מיינע, דו ביזט יונג,
און איידעל אין דיין האנד, —
וויא וועסטו קענען לעבען דארט
אין ווייטען, פרעמדען לאנד?

— איך וועל אין ווייטען פרעמדען לאנד
צוזאמען זיין מיט דיר;
און וואס מיט דיר וועט דארטען זיין
זאל אויך דאס זיין מיט מיר!

— אין פרעמדען לאנד איז זעהר שלעכט,
ניטא קיין פריינד אין נויט;
אין פרעמדען לאנד א פריינד אין נויט
איז נאר דער קאלטער טויט.

— אין פרעמדען לאנד, א פריינד אין נויט
איז נאר דער קאלטער טויט —
וועל איך מיט דיר, געליעבטער מיין,
צוזאמען זיין אין נויט.

— און ווי וועסטו דיין מאמע דא
פארלאזען גאר אליין? —
דיין אלטע מאמע וועט נאך דיר
דאך אויסגעהן פון געוויין!

— מיין מאמע וועט בעוויינען מיך
און וועט באקלאגען מיך
און מיט די טרערן, אויף איהר קינד
דערנאך פארגעסען זיך.

די נאכט איז פינסטער און געטריי. —
די נאכט האט זיי פערהיט;
דער ווינט האט ביז'ן ווייטען לאנד
פארמעקט נאך זיי די טריט.

וואס איז מיט זיי דערנאך געשעהן? —
דאס ארט דאך קיינעם ניט! —
נאר, צי די מיידלאך זיינען פאלש,
דערצעהלט זיך אין דעם ליעד!

דריי שומרים.

געהט א מיידעל יאגדעם קלייבען
אין דעם ווילדען וואלד:
— אוי מיין וועג האב איך פארלוירען,
און דער טהוי איז קאלט,

— אוי מיין וועג האב איך פארלוירען
צו מיין מאמעס הויז!
קומט צו מיר אהער, געליבטער,
פיהר פון וואלד ארויס!

— אוי ווי זאל איך צו דיר קומען
אין דעם ווילדען וואלד, —
אז דריי גוטע שטארקע שומרים
האלטען מיך מיט גוואלד!

אַז איין שומר איז מיין טאַטע,
אַקערט מיינע ערד,
און דער צווייטער איז מיין מאַמע,
פּאַיעט מיינע פערד.

און דער דריטער איז מיין ווייבעל,
ביי דעם שפּינראַד שפּינט:
שפּינט, און וויגט דאָס קליינע וויגעל
פון מיין קליינעם קינד.

ארמענישער מאָטיוו.

נאָך איידער די הענער פארשלאָפענע קרעהען,
און איידער אין פעלדער די טשערעדעס געהען,
מיך וועקט שוין מיין יונגע פארשלאָפענע ווייב:
— שטעה אויף צו דער פאשע די בהמות פארטרייב!

די בערג ביז אין הימעל נאָך פינסטערע ליגען,
איך טרייב שוין די בהמות און זינג מיר א ניגון,
און שנייד מיט'ן בייטשעל דאָס גראָז נאָכאנאנד,
און טאפ אלע ווייל דעם קינזשאל מיט'ן האנד.

היי בהמות, דער בורא האָט אונז ניט פארלאָזען,
און זאפטיגע געגאָסען פאר אייך אין די גראָזען,
אַז מילך זאָלט איהר ברייגנען מיין ווייב אויפ'ן הויף,
ווען איבער די בערג די לבנה געהט אויף.

דער רעקרוט

נאָכ׳ן אוקראַאינישען.

הוי, ביים רויכענדיגען לעמפעל
אויפ׳ן טיש אראָפּ,
האַלט ער נידעריג געבויגען
זיין פערזאָרגטען קאָפּ.

און א בריוועל, און א ווייסען
האַלט ער אין די הענט,
און א טרעהר אין זיינע אויגען
ווי א פייער ברענט.

אין דעם בריוועל שרייבט די מאַמע:
אוי, ניט שטראָף אונז גאָט —
ביזט אוועק דעם קיסר דיענען
אין דער וויטער שטאָדט.

פרעסט און גרויסע שנייען וועהען,
און אין שטוב איז קאלט,
און איך קען קיין האלץ ניט האקען
ווייל איך בין שוין אלט.

אז דו וועסט צוריק זיך קעהרען
אין דיין מאמעס שטוב —
וועט א גרעזעל, וועט א גרינער
אויפגעהן אויף מיין גרוב.

הויבט ער אויף פון טיש זיין יונגען
און זיין שעהנעם קאפ,
ווישט די טרער זיך פון די אויגען
מיט דער האנד אראפ.

און דאס הארץ מיט ווייטאג ציטערט
ציטערט אויף מיט שרעק: —
נאר ער שטעלט זיך אויף, און לאזט זיך
אין דער נאכט אוועק.

און אהן וועגען, און אהן שטעגען,
לויפט ער מיט'ן ווינד,
גיכער פון דעם ווילדען אדלער
גיכער פון דעם אינד.

הוי, דאס לויפט ער צו דער מאמען
ווייל זי איז שוין אלט,
האלץ דער מאמען אנצוהאקען
ווייל אין שטוב איז קאלט.

נאָב'ן אוקראאינישען.

זיי געזונגר מיין שעהנע מיידעל,
טראָג מיך מיין געטרייער פערד,
אין די הויכע בערג די בלויע
פּרואווען אויפ'ן טערק מיין שווערד!

האָט דער טערק מיין פערד דערשאָסען
און צובראָכען מיר מיין שווערד,
און די שעהנע מיידעל מיינע
האָט פון מיר זיך אָפּגעקעהרט.

דורך די אויסגעשפּרייטע סטעפּעס
פאָהרט אהיים דער יונגער העלד,
און איך פיהר דעם שווערען אקער
אין מיין ברייטען טויטען פעלד...

העי, העי, דארער אקסעל מיינער,
אונזער פעלד איז ברייט און טויט,
אויפ'ן פייער קאכט מיין טעפעל
און דאס קיהלע ווינטעל וועהט.

העי, ווער פאהרט עס דורך די סטעפעס ?
פינסטער פאלט די נאכט אראפ,
קום אהער, און פון מיין טעפעל
עס מיט מיר צוזאמען אפ.

קיינער קומט ניט... די לבנה
שווימט ארויס פון וייטען וואלד,
און עס וועהט דאס קיהלע ווינטעל,
און מיין טעפעל ווערט שוין קאלט.

פון אוקראאינישען.

איהר האט זיך געדרעשט דעם קארן,
אין דער היים זייט איהר פערבליבען,
און איך האב מיין היים פערלאזען,
אויף דער וועלט זיך אומגעטריבען.

זוכען אויף דער וועלט מיין מזל
און אין ערגעץ ניט געטראפען —
אין דער היים, דערווייל, מיין מזל
אין דעם קארן איז געשלאפען!

דאָס ליעד פונ'ם עלענדרען.

מען וועט אין דער פרעמד מיך געפינען א טוידטען,
מיין טאַטע וועט מיך ניט צו קבורה באַגלייטען.

מיין מאַמע נאָך מיר וועט ניט גיסען קיין טרעהרען
און טרוקען די ערד פון מיין קבר וועט ווערען.

מיין שוועסטערל וועט צו מיין קבר ניט קומען,
ניט וואַקסען וועט אויף מיין קבר קיין בלומען. —

עס וועלען אין פריהלינג נאָר אויפגעהן די גראָזען,
און ווינטען אין הערבסט וועלען וויינענדיג בלאָזען.

בליהען רויטע מאָהנען,
גאָר זיין בלוט איז רויטער.
אין די רויטע מאָהנען
ליעגט ער איצט א טויטער,

ליעגט ער איצט א טויטער,
פון די בייזע שונאים,
מיט זיין בלויען מאַנטעל
צוגעדעקט זיין פנים.

איז זיין אלטער טאטע
אויפ'ן פעלד געגאַנגען,
זעהען צי די מאָהנען
זיינען אויפגעגאַנגען,

רעקט ער אויף דעם מאַנטעל;
— זאָלען הינט דיך עסען,
ווי דו האָסט דיין טאטען
אין זיין נויט פערגעסען!

געהט אין פעלד זיין ווייבעל
אויסגעפּוצט אין ווייסען,
קומט אין פעלד זיין ווייבעל
רויטע מאָהנען רייסען.

דעקט זי אויף דעם מאַנטעל
און איז בייז געוואָרען:
— דו האָסט עס געפּטר'ט
מיינע יונגע יאָהרען!

קומט אין פעלד זיין מאַמע
קוקען אויף די מאָהנען,
אויף איהר זון דעם שלעכטען
דאַרט זיך צו דערמאָנען.

דעקט זי אויף דעם מאַנטעל,
און זיך איינגעבויגען,
און געקושט מיט טרעהרען
זיינע טויטע אויגען.

אוקראאינער ליעד.

רוישט און יאָגט זיך ווינטען פרייע!
טראגט די בענקשאפט מיינע
אין די סטעפּעס אין די ברייטע
ווייט אין מיין אוקראינע.

אין די סטעפּעס אין די ברייטע
ביי א דעמב אן אלטען,
וואו א קינד, האָט מיך דער זיידע
אויף די הענד געהאלטען.

האָט מיך אויף די הענד געהאלטען,
און פארבענקט דערצעהלען,
ווי געוויינט האָט די אוקראינע
אין דעם יאָך פון פוילען,

ווי געוויינט האָט די אוקראַינע,
ביז די אַטאַמאַנען
ווי די אָדלערס אויף די סטעפּעס
זיינען אויפגעשטאַנען.

ווי זיי זיינען אויפגעשטאַנען
פון די אָדלערס פרייער,
און דעם יאָך פון דער אוקראַינע
אָפּגעווישט מיט פייער.

ווי זיי האָבען נאָכ׳ן פייער
אויף די אַש און פונקען
גאַנצע עמער׳ס, צעבער׳ס גאַנצע
ביער און מעד געטרונקען.

רוישט און יאָגט זיך ווינטען פרייע,
נעהמט די בענקשאַפט מיינע
אין די סטעפּעס איז די ברייטע
ווייט אין מיין אוקראַינע!

דער ציגײַנער

א דארער פערדעל שלעפּט זײַן בויד
סטעפּ איין, סטעפּ אויס, סטעפּ איין, סטעפּ אויס,
און ניט דער סערפּ, און ניט די נויט.
טרײַבט איהם פארטאג אין פעלד ארויס.
דעם קיסר דיענען גערט ער ניט,
ער לעבט זיך ווי דער מזל גיט.

דער סטעפּ — דאס איז זײַן פאטערלאנד,
זײַן דאך — דער הימעל אין דער הויך.
און ווי דער אדלער אויפ'ן סטעפּ
געפינט זײַן ברויט — געפינט ער אויך.
דערפאר האט דאך דעם שונא'ס הענט
די הײַזער זײַנע ניט פארברענט.

דער רייכער שלאָפט ניט אין די נעכט,
דער סוחר וואַנדעלט אויף דער וועלט,
דער פישער טרייבט זיך אום אין ים,
דער פויער בראַנעוועט זיין פעלד,
און ער — צי זאָט — דערפאַר ניט מיד,
ער זינגט זיך אין זיין בויך זיין ליעד.

אין ווינטער ליעגט ער אין זיין בויך,
אין פריהלינג קריכט ער פויל אַרוים,
און זומער לאָזט ער זיך אַוועק
סטעפּ איין, סטעפּ אוים, סטעפּ איין, סטעפּ אוים,
און עסט זיין ניט געזייטען ברויט,
און גרויער נעבעל איז זיין קלייד.

די קאַרטענוואַרפערין

נאָך אַ. פראַנקאָ.

זי האָט אויסגעלייגט די קאַרטען
און אַ ווײַלע זיך פאַרקלערט.
— נו דו אַלטע, זאָג שוין דאַרטען,
וועלכער גליק איז מיר בעשערט!

— וואָס די קאַרטען מיינע זאָגען,
קען איך זאָגען דיר אויף קלאָהר:
אַז אין שווערען אונגליק פּלאָגען
וועסט זיך גאַנצע זיעבען יאָהר.

— זיעבען יאָהר אין אונגליק שווערען...
נו, איך בויג דעם קאָפּ ניט איין! —
אַבער נאָכדעם וואָס וועט ווערען? —
וועל איך נאָכדעם גליקליך זיין?

און זי נעהמט די קאַרטען לייענען:
— איך קאַן זאָגען דיר אויף קלאָהר,
אז צום אונגליק צוגעוועהנען
וועסט זיך אין די זיעבען יאָהר.

מיין שאַרפער קינזשאַל...

מיין שאַרפער קינזשאַל, טראָגסט דעם פינסטערען טויט,
נאָר דו ביזט א פריינד מיר געווען אין מיין נויט.

און דו וועסט פאַרדעקען מיך אייביגע ערד
וואָס דיך האָט געטראָטען די פוס פון מיין פערד.

און קאַלט ביזטו טויט, אויף דער טויט פון א העלד,
דאָך האָב איך א פרייער געלעבט אויף דער וועלט!

דער ערד וויל איך געבען מיין שטויב און מיין רויך,
און דיך מיין נשמה, דער ליכטיגער הויך.

מיין פערדעל שלעפּט מיין אקער,
אוּן בלייבּט פערמאַטערט שטעהן.
מיין פעלד איז פול מיט דערנער, —
דאָס פערדעל וויל ניט געהן.

איך שטופּ דעם אקער אונטער,
פון פּנים רינט דער שווייס, —
— ניאָו, פערדעל, שלעפּ דעם אקער,
מיין פעלד איז דאָך ניט גרויס!

נאָר גרויס איז אונזער אונגליק
אוּן גרויס איז אונזער נויטה,
דאָך וועט דאָס פעלד אונז געבען
פאר דיר און מיר דעם ברויט.

ניאָו, פערדעל, שלעפּ דעם אקער,
מיין פעלד איז דאָך ניט גרויס!
איך שטופּ דעם אקער אונטער,
פון פּנים רינט דער שווייס.

ביז דעם דאָנוי אַרויף,
אין דער ווייט, אין דער ברייט,
ביז דעם דאָנוי אַרויף,
האָט מיין פעלד זיך געשפּרייט.

און מיין קאָרען, ווי גאָלד
האָט זיך זאַפטיג און רייך
פון׳ם ווינד זיך געוויגט,
ווי דער דאָנוי דער טייך.

נאָר דער בלוטיגער פיינד
אָהן אַ מורא פאַר גאָט,
האָט צוטראָטען מיין פעלד
מיט זיין בלוטיגען טראָט.

און מיין פעלד איז איצט טויט,
און פון בלוט איז זי רויט,
ווי דער דאָנוי דער טייך
אין דער ווייט אין דער ברייט.

טויטע פעלדער

אוי וואס זייט איהר, ברייטע פעלדער,
אזוי גרוי געווארען?
פאר וואס וויעגט איהר זיך ניט היי־יאהר
מיט'ן פולען קארען?

ברייטע טויטע, ניט פערזעעטע
טויטע און פערלאזען,
פאר וואס גרויט איהר זיך מיט דערנער
און מיט ווילדע גראזען?

און פאר וואס די יונגע שוואלבען
קומען ניט צופליהען,
זינגען אייך פון אייער ברייטקייט
און פון אייער בליהען?

נאָר די ראבען ווי א וואָלקען
איבער אייער ברייטקייט,
שרייען ביז פון אייער גרויקייט
און פון אייער טויטקייט?

פאר וואָס זייט איהר, ברייטע פעלדער,
אזוי גרוי געוואָרען?
פאר וואָס וויעגט איהר זיך ניט היי־יאָהר
מיט'ן פולען קארען?

— אוי ווי זאָלען מיר זיך וויעגען
מיט'ן פולען קארען!
אז דער בורא אויסגעגאָסען
האָט אויף אונז זיין צאָרן;

אז דער מענש איז ניט געקומען
מיט זיין אקער־אייזען
אונז זיין כח צו בעווייזען
און זיין שטאָלץ בעווייזען!

און פערזעען אונז מיט זריעה
פול מיט גרויסען גלויבען,
פול מיט גלויבען צו זיין כח
און צום בורא אויבען.

אז ווי זאלען מיר זיך וויעגען
מיט'ן פולען קארען,
אז פארלענדט און אז צוטראטען
זיינען מיר געווארען.

אז דער מענש מיט שווערד און פייער
האט אונז בייז צוטראטען,
און מיט הויפענס פרישע ביינער
האט ער אונז פערשאטען,

און מיט טייכען בלוט פערגאסען.
טויטע און פערלאזען
גרויען מיר זיך מיט די דערנער
און מיט ווילדע גראזען.

אז ווי זאָלען מיר זיך וויעגען
מיט'ן פולען קאָרען ?
אז ווי וואַסערען און טייכען
וועלען קומען יאָהרען,

און אז איבער אונזער ברייטקייט
וועט א מענש זיך ווייזען
אין יסורים איינגעבויגען
אויף זיין אקער אייזען,

און זיין אקס וועט שטעהן פערמאַטערט,
וועלען מיר זיין עדות,
ווי דער מענש וועט ביטער שעלטען
אונז, און זיינע זיידעס.

מיט'ן עטאפ

נאָך האַרטוועלצ'ן

עס קלינגען די קייטען, ער שלעפּט זיך א מיעדער
אין קייטען די פיס און די הענט;
און רוהיג און טרויעריג ווייט אויף די וועגען
האָט ער זיינע בליקען געווענדט.

די טאָגיגע זון ברענט ווי העלישער פייער,
דער זאַמד ברענט די פיס ווי מיט גלוט;
און פון זיינע וואונדען פון אונטער די קייטען
טריפט טראָפּען נאָך טראָפּען זיין בלוט.

אן עלענדער קבר

דאָ אין דער טאָיגע א קבר אן עלענדער שטעהט,
סאָסנעס און דעמבעס דאָ וואקסען פאַראומערטערהייט.
די טאָיגע איז שטום,
און וויסט איז ארום...

בלימעלעך צארטע דאָ בליהען פארלאָזט און פארשמאכט,
פייגעלעך זינגען דאָ אומעטיג טאָג און דורך נאכט.
די טאָיגע איז שטום,
און וויסט איז ארום...

טייערע מענשען! טוט תפילה פאר דעם וואס איז טויט,
און ליגט אין טאָיגע בעגראָבען פארוואָגעלטערהייט.
די טאָיגע איז שטום,
און וויסט איז ארום...

וואנדערער מיעדער! דו זעץ ביי דעם קבר זיך צו,
וועסט אפשר אויך דא געפינען דיין אייביגע רוה.
די טאיגע איז שטום,
און וויסט איז ארום...

יאנקא מארנאוויטש

פון פושקין'ס סלאווישע ליעדער.

פאר וואס לויפט אום בעי יאנקא מארנאוויטש ?
אין דער היים קען ער רוהיג ניט זיצען, —
פארוואס קען ער צוויי נעכט ניט כסדר
אונטער אוון דאך קיין רוהיגער שלאפען.
צי איהם שרעקען אזוי זיינע שונאים ?
צי עם שרעקט איהם די בייזע נקמה ?

ניט איהם שרעקען אזוי זיינע שונאים,
ניט עם שרעקט איהם די בייזע נקמה,
נאר ער בלאנדזשעט ארום ווי א היידוק
פון דער צייט זינט קיריל איז געשטארבען.

און קיריל איז זיין ברודער געוועזן,
אין איין קלויסטער זיך ביידע פערברידערט.
נאָר קיריל איז אין אונגליק געשטאָרבען
פון דער שכור'ער האנט פון זיין ברודער.

ס'איז געוועזן א פרעהליכער יום טוב,
מעד און בראָנפען פיעל האָט מען געטרונקען,
ביז די געסט זיינען שכור געוואָרען,
און עס האָבען צוויי געסט זיך צושלאָגען.
יאנקאָ האָט פון זיין פיסטעל געשאָסען, —
נאָר זיין שכור'ע האנט האָט געציטערט,
אוען ער האָט נים אין פרעמדען געטראָפען —
נאָר געטראָפען זיין אייגענעם ברודער;
און זינט יעמאָלט אָן בלאָנדזשעט אום יאנקאָ
ווי אָן אָקס פון א שלאָנג .איינגעביסען...

און צום סוף איז בעי יאנקאָ מאָרגאָוויטש
אין זיין היים ווי א שאָטען געקומען,
און ער איז באלד אוועק אין זיין קלויסטער.

דאָרטען האָט ער אין הייליגע תפילות,
און אין טרערען פערבראַכט ביז אין אָבענד.
און אין הויז איז ער נאָך דעם געגאַנגען,
מיט זיין הויזגעזינד האָט ער געגעסען,
און געלעגט אין געלעגער זיך שלאָפען,
נאָר ער איז ניט אנשלאָפען געוואָרען.

און זיין ווייב האָט ער נאָכדעם געבעטען:
— גע'ה, מיין ווייב, גיב א קוק דורכ'ן פענסטער,
צי דו זעהסט אונזער קלויסטער פון וויטען ?
און זיין ווייב איז געגאַנגען צום פענסטער —
— ניין, מען זעהט ניט דעם קלויסטער פון דאַנען,
נאָר די נאַכט ליעגט א גרויע אין דרויסען,
און פון הינטער'ן טייך קריכען נעבלען,
און מען זעהט ניט קיין זאַך דורך די נעבלען...
האָט א שטילער, בעי יאנקא מאַרנאָוויטש
שטיל זיך איבערגעקעהרט אין געלעגער,
און דערנאָך האָט ער ווידער געבעטען:
און געמורמעלט א תפילה א שטילע.

— געה מיין ווייב, גיב א קוק דורכ'ן פענסטער
און דערצעהל וואס דו זעהסט דארטען אין דרויסען...
איז זיין ווייב צו דעם פענסטער געגאנגען,
און געקוקט אין דער נאכט און געענטפערט:
— דארטען זעה איך, א פייערל פינקעלט
קוים, קוים הינטער'ן טייך אין דער פינסטער...
האט ער גליקליך און רוהיג געשמייכעלט,
און האט ווידער געמורמעלט א תפילה...
און דערנאך האט ער ווידער געבעטען:
— געה מיין ווייב, עפען אויף אונזער פענסטער,
גיב א קוק וואס מען זעהט אין דער פינסטער,
און זיין ווייב האט געקוקט און געענטפערט:
— דארטען, הינטער'ן טייך דורך די נעבלען,
זעה איך וואקסט אזא ליכטיגע שיינונג,
און צו אונז צו דער הויז קומט עס נאהענט...
מיט א זיפץ איז בעי יאנקא מארנאוויטש
פון געלעגער ארונטערגעפאלען,
און זיין טויזט איז א שטילער געקומען...

מילאַש.

האָב רחמנות גאָט, אויף אונזער סערביען!
אונז פּאַרעסען וועלף און חיות רעות.
אַהן חטאים שניידט מען אונז די העלזער,
און די ווייבער יאָמערען פון בושה...
און די זיהן פאַרנעמען זיי אין קנעכטשאַפט,
און די טעכטער אונזערע, די מיידלאַך,
טרייבען זיי מיט גוואַלד אויף לייטס געלעכטער,
טאַנצען טענץ פון ווילדע בוסורמאַנער,
זינגען פרעהליכע און ניט קיין שעהנע לידער.
און די זקנים זיינען שטום געוואָרען;
ניט זיי קומען אונז אין אומגליק טרייסטען, —
אויך אפנים זיי איז אויך ניט פרעהלאַך!
און די הוסלי־שפּילער שטעכען אונז די אויגען!
— לאַנג נאָך, לאַנג וועט איהר די שאַנד פאַרטראַגען.

— ?און אין פנים זיך לאזען צו שפייען
?זייט איהר ניט קיין סערבען — נאר ציגיינער
?זייט איהר ניט קיין מענער — נאר זקנות
!הוי, פארלאזט די קליינע ווייסע הייזער
קלייבט צונויף זיך אין די וועליעם היילען,
— ,דארטען וואקסט דער דינער פאר די שונים
דארטען זאמעלט אונזער פיהרער מילאש
.זיינע יונגע העלדישע חילות

דער הייליגער זקן און דעם טיראנ'ס שליח

פון מ. גארקי

געלעבט האט א הערשער דער בייזער גארדעי,
א רשע מרושע, א שטיינערנע הארץ.
האט מענשען געפלאגט און דעם אמת געיאגט,
און אין בייזקייט געלעבט ווי א שלאנג אינ'ם הייל.
און פיינט געהאט שטארק האט דער בייזער גארדעי
דעם הייליגען זקן — דעם נזיר מיראן,
דעם שטילען בעשיצער פון אמת און רעכט,
דעם מוטהיגען מהוער פון גוטס פאר דער וועלט.
און איינמאל גארדעי האט גערופען צו זיך
דעם העלדישען וואנקען, זיין טהייערען קנעכט:
— געה וואנקע דער'הרג'ע דעם נזיר מיראן,
דעם זקן וואס לעבט זיך אין גרויסקייט פאר זיך,

און האָק מיט'ן שווערד איהם ארונטער דעם קאָפּ,
און ברענג איהם צושלעפּען אהער פאַר דער באָרד,
און איך וועל ארויסוואַרפען איהם פאַר די הינט! —
האָט וואנקע געפאָלגט און ער איז אוועק.
ער געהט און ער טראכט זיך א שווערען געדאַנק:
איך געה ניט אליין, נאָר עס טרייבט מיך די נויט,
אפּנים אזוי איז פון גאָט מיר באַשערט".
און אונטער דער פּאָלע בעהאַלט ער דעם שווערד
און קומט צו דעם זקן און נייגט זיך פאַר איהם:
— וואָס מאַכסטו דו אַלטינקער עהרליכער מאַן,
ווי היט עס דיך אָפּ דער אַלמעכטיגער גאָט?
נאָר דאָ האָט דער זקן א שמייכעל געהטאָן,
מיט ליפּען מיט קלוגע געענטפערט אזוי:
— נו, וואנקע, בעהאַלט ניט דעם אמת פאַר מיר,
ס'איז גאָר נישט פאַרבאָרגען אין הימעל ביי גאָט, —
דאָס גוטס און דאָס שלעכטס ליעגט ביי איהם אין די הענט!
איך וויים דאָך נאָך וואָס איז דיין קומען צו מיר! —
האָט שטאַרק פאַר'ן זקן זיך וואנקע פאַרשעהמט,
נור ער מוז געהאָרכען זיין הערשער גאַרדעי —

און ווישט מיט'ן קלייד אפּ דעם שטאָהל פון זיין שווערד.
— איך בין דאָס געקומען דער'הרג'ענען דיך,
אזוי, אז דו זאָלסט גאָר דעם שווערד ניט דערזעהן!
נאָר איצטער, טהו תפילה צו גאָט ווי דו ווילסט,
טהו תפילה צום לעצטען פאַרבליבענעם מאָל,
פאַר זיך, און פאַר מיר, פאַר דער גאַנצענער וועלט,
און נאָכדעם וועל איך שוין דער'הרג' ענען דיך...
האָט שטיל זיך דער זקן געשטעלט אויף די קניע
אין שאָטען פון אונטער א יונגענקען דעמב —
דער יונגענקער דעמב האָט פאַרבייגט זיך פאַר איהם.
און שמייכלענדיג גוט האָט דער זקן געזאָגט:
— אַ, וואַנקע, בעטראַכט זיך, דאַרפסט וואַרטען צו לאַנג,
די תפילה איז גרויס פאַר דער גאַנצענער וועלט —
וואָלסט בעסער דער'הרג'עט מיך, באַלד, מיט אַמאָל,
אזוי, אז דו זאָלסט ניט פערליערען דיין צייט.
גאָר דאָ האָט וואַנקע פערכמורעט זיך בייז
און נאַריש האָט ער א בעריהם זיך געטהאָן:
— זאָל בלייבען אזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט,
טו תפילה, כ'וועל וואַרטען ווי לאַנג ס'זאָל ניט זיין! —

טוט תפילה דער זקן ביז שפּעט אין דער נאַכט,
פון שפּעט אין דער נאַכט ביז אין ליכטיגען טאָג,
פון ליכטיגען טאָג און ביז ווידער אין נאַכט,
טוט תפילה דער זקן ביז ווינטער אזוי,
פון ווינטער און ביז אין דעם זומער אריין,
טוט תפילה דער זקן אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר —
ביז'ן וואָלקען שוין הויך איז דער יונגענקער דעמב
און דאָ פון זיין שטאַם האָט אַ וואַלד זיך צולאָזט
און ס'איז גאר קיין סוף צו דער תפילה ניטאָ.
זיי שטעהען אזוי ביז'ן היינטיגען טאָג:
דער זקן טוט תפילה, און בעט זיך ביי גאָט
ער בעט זיך און וויינט פאַר דער גאַנצענער וועלט
אז פריידען און הילף זאָל ער שיקען דער וועלט; —
און וואַנקע, ער שטעהט אַרום זקן אזוי,
שוין לאַנג אז זיין שווערד איז צושאָטען אין שטויב,
די קליידער אויף איהם זיינען לאַנג שוין צופוילט,
און ווינטער און זומער אַ נאַקעטער שטעהט.
די היצען וואָס ברענען פאַרברענען איהם ניט,
די קעלטען וואָס פריהרען, פאַרפריהרען איהם ניט,

און אלערליי חיות זיי ריהרען איהם ניט;
ער שטעהט און ער קען זיך ניט ריהרען פון ארט.
ער קען ניט א טראט טהאָן שוין מעהר מיט א פוס,
ער קען ניט אַ מאַך טהאָן שוין מעהר מיט א האנד,
און קען שוין קיין וואָרט ניט אויסרעדען מעהר.
און דאָס איז די שטראָף איהם די גרויסע געווען
אז ער זאָל ניט פאָלגען קיין בייזען בעפעהל,
און הינטער דאָס שלעכטס פון אַ צווייטען ניט שטעהן!
און מיראָן דער זקן טהוט תפילה פאר אונז,
פאר זינדיגע אונז, ביז'ן היינטיגען טאָג: —
ביז'ן היינטיגען טאָג, פליסט זיין תפילה צו גאָט
ווי אַ ליכטיגער טייך אין דעם ים אָקעאַן.

א מאמעס הארץ

לעגענדע

אמאָל איז געווען און אמאָל איז געשעהן! —
אמאָל איז א בחור א יונגער געווען.
אמאָל איז א בחור געווען.

דער בחור האָט ליעב געהאט אמת׳דיג הייס
א מיידעל, א שעהנע אזוי ווי א רויז,
אזוי ווי א ליכטיגע רויז.

ביי טאָג און ביי נאכט פלעגט ער שווערען פאר איהר:
— כ׳וועל אפגעבען, טהייערע מיינע, פאר דיר
אפילו מיין מאמען פאר דיר.

דאָס מיידעל — אזוי ווי א רויז איז זי שעהן —
דערפאר איז זי שלעכט ווי די שלאנג נאָר אליין,
אזוי ווי די שלאנג נאָר אליין.

און זי האָט אָהן מורא פאַר לייט און פאַר גאָט,
אַ בייזע, פון בחור געלאַכט און געשפּאָט,
פון בחור געלאַכט און געשפּאָט.

— געליעבטער דו מיינער, אויב דיר איז ניט שווער,
טאָ ברענג מיר דאָס הארץ פון דיין מאַמען אהער,
דאָס הארץ פון דיין מאַמען אהער.

דער בחור — אַזוי ווי ער האָט עס דערהערט,
האָט ער ניט געטראַכט, און ער האָט ניט געקלעהרט,
ער האָט ניט געטראַכט און געקלערט.

און גאָט האָט געזעהן, און די נאַכט האָט געזעהן,
ווי שאַרף איז דער שטאָלענער מעסער געווען,
אין האַנט ביי דעם בחור געווען.

און גאָט האָט געזעהן, און די נאַכט האָט געזעהן,
ווי פלינק איז די זינד איז די בייזע געשעהן,
די זינד איז די בייזע געשעהן.

דאָס האַרץ אין די הענט, לויפט דער בחור געשווינד,
ער לויפט צו דער מיידעל געשווינד ווי דער ווינד,
געשווינד ווי אין שטורם דער ווינד.

ער לויפט צו דער מיידעל; אָט איז שוין איהר הויז,
אָט איז שוין דאָס הויז, נאָר אָט גליטשט עס זיך אויס
גאָר פּלוצלונג, אָט גליטשט ער זיך אויס.

דאָס מאַמעשעס האַרץ ווערט באַנאָסען מיט בלוט,
און פרעגט מיט רחמנות און זאָרג, אַזוי גוט,
מיט שטילען געוויין אַזוי גוט:

— וואָס איז מיט דיר, קינד מיינס, אַז וועה מיר און ווינד,
צו טהוט עפּעס וועה דיר, מיין טהייערעס קינד? —
צו טהוט עפּעס וועה דיר מיין קינד?

און גאָט האָט געזעהן און די נאַכט האָט געזעהן
ווי שווער און פאַרטרויערט דאָס האַרץ איז געווען,
דאָס מאַמישעס האַרץ איז געווען.

דריי פישער

שאַטישער מאָטיוו

עס פאָהרען דריי פישער אַרויס אין'ם ים,
דער נעבעל איז פינסטער און גרויס.
עס טראַכטען די פישער פון ווייב און פון קינד,
פון אויגען, וואָס קוקען זיי אויס.

דעם מאַן איז די אַרבייט, די טרערען — דער פרוי,
און שווער איז די זאָרג, און דאָס לעבען איז גרוי,
און פינסטער ברויזט דער ים.

עס קוקען דריי פרויען פון פענסטער אַרויס
אין נעבעל צום ים אויף דער טיעף...
עס טראָגען די וועלען צום שוימיגען ברעג
אַן אַלטע צובראָכענע שיף.

דעם מאַן איז די אַרבייט, די טרערען — דער פרוי,
און פאַלש איז די וועלט, און דער מזל איז גרוי,
און שוימיג זידט דער ים.

עס ליגען דריי טויטע ביים ים אויפ'ן ברעג,
דער מאָרגען אַ זוניגער בלענדט...
עס שטעהען דריי פרויען ביים ים אויף'ן ברעג.
זיי וויינען און ברעכען די הענט.

דעם מאַן איז די אַרבייט, די טרעהרען — דער פרוי
דאָס לעבען איז קורץ, און דער קבר איז גרוי,
און ליכטיג שיינט דער ים.

עדוואַרד, עדוואַרד!

א פאַרצייטיגע ליעד פון שאָטלאַנד.

— מיט וואָס פאַר א בלוט איז דיין שווערד אזוי רויט,
עדוואַרד, עדוואַרד?
מיט וואָס פאַר א בלוט איז דיין שווערד אזוי רויט? —
וואָס קוקסטו אזוי מיט די אויגען?
— דאָס האָב איך אַן אדלער א ווילדען געטויט,
מאַמע, מאַמע!
דאָס האָב איך אַן אדלער א ווילדען געטויט
ווען ער איז פאַרביי מיר געפלויגען.

דאָס אדלערשע בלוט איז דאָך ניט אזוי רויט,
עדוואַרד, עדוואַרד!

דאָס אָדלערשע בלוט איז דאָך ניט אַזוי רויט,
דאָס בלוט אויף דיין שווערד איז דאָך רויטער !
— דאָס האָב איך מיין פערד, מיין געטרייען, געטויט,
מאַמע, מאַמע !
דאָס האָב איך מיין פערד, מיין געטרייען, געטויט,
ער ליעגט אויפ'ן פעלד איצט אַ טויטער...

דיין פערד איז דאָך אַלט, און זיין בלוט איז ניט רויט,
עדוואַרד, עדוואַרד !
דיין פערד איז דאָך אַלט און זיין בלוט איז ניט רויט,
וואָס האָלמסטו די אויגען פערגראָבען ?
— דאָס האָב איך מיין ליעבליכען טאַטען געטויט
מאַמע, מאַמע !
דאָס האָב איך מיין ליעבליכען טאַטען געטויט
און קען איצט קיין רוה מעהר ניט האָבען.

— און ווי וועסטו אויסקויפען איצטער דיין זינד,
עדוואַרד, אַדוואַרד ?
און ווי וועסטו אויסקויפען איצטער דיין זינד

וואס וועט דיר דיין לעבען פער'סם'ען ?

— איך וועל אויף א שיפעל, ביינאכט, מיט'ן ווינד.
מאמע, מאמע !
איך וועל אויף א שיפעל, ביינאכט, מיט'ן ווינד
זיך לאזען אליין אין די ים'ען.

— וועסט לאזען דיין הויז און דיין שייער אזוי,
עדוואַרד, עדוואַרד ?
וועסט לאזען דיין הויז און דיין שייער אזוי
און גערן אין די ים'ען זיך טרייבען ?
— א ווינד און א שטורעם זאל קומען אויף זיי,
מאמע, מאמע !
א ווינד און א שטורם זאל קומען אויף זיי,
קיין זכר פון זיי זאל ניט בלייבען !

— און וואס מיט דיין ווייב און די קינדער וועט זיין,
עדוואַרד, עדוואַרד !
און וואס מיט דיין ווייב און די קינדער וועט זיין,
אין זייער אומגליקליכען לעבען ?

— א טאַרבע זיך אַנטהאַן אין נויט און אין פּיין.
מאַמע, מאַמע:
א טאַרבע זיך אַנמאַהן אין נויט און אין פּיין.
און ברויט זאָלען פרעמדע זיי געבען!

— און וואָס לאַזטו מיר ווען דו לאָזט זיך אַוועק.
עדוואַרד, עדוואַרד!
און וואָס לאַזטו מיר ווען דו לאָזט זיך אַוועק —
דיין מאַמען, וואָס האָט דיך געזויגען?
— א קללה דיר ביז אין דעם סוף פון די טעג.
מאַמע, מאַמע:
א קללה דיר ביז אין דעם סוף פון די טעג:
דו האָסט צו מיין זינד מיך בעוואויגען!